צווייטע אויפלאגע

לאנדאן, ווייטשעפל אקטאבער 15־טן, 1943

# יידיש־סאוועטיש־שאפן

## צום אנקומען פון די צוויי חשובע געסט מיכאעלס און פעפער

1

פאר וועם דער פראצעס גופא פון יידיש־שאפן, ווען ער גייט נאר אן און ווו ער גייט נאר אן, אומאפהענגיק פון וואסערע טענדענצן ער ווערט אויסגעטראגן, אן אונטערשיד וואהין זיינע פארמעסטונגען צילן, איז שוין דער בולטער און ליכטיקער סימן פון אונזער ווייטערער עקזיס־טענץ—די התגלות פון אונזער גייסטיקער נצחדיקייט ! — פאר דעם איז דאס סאוויעטישע יידנטום תמיד געווען איינס פון די שטארקסטע טיילן פון אונזער פאלק.

אויב אינם עקזיסטענץ פון אן אומה איז פאראן פלאץ פאר פארטייאישע סכסוכים, אידעאלאגישע ארומרייסענישען, קליינלדיקע מחלוקות און א סך מאל אפילו פאר אינטריגעס, איז אבער שעפערישקייט די שלימות פון א פאלק, די הארמאניע פון־און איבער אלע זיינע טיילן; די קינסטלער ציען זייער יניקה פון אלע ווארצלען פונם פאלק און די אבסטראקטע גאנצקייטן, וואס זיי פארמען אויס זיינען די געצייטיקטע זאפטיקע פירות צו דערפרישן ס'הארץ פון יעטוויהן איינעם — נישט א קלינגנדיקע אידיי, נישט צומאל א גע־לייטערטע טעאריע, וועלכע קלינגט אין יעדן הוילן שארבן אנדערש אפ, איז די גייסטיקע יצירה; עס איז דער גינגאלדענער בעקן אין אלע פיק ווינקלען פון אים צו שפרענגען — פון דעם דם־התמצית שעפט דער שאפער פון זיין פאלק ! און פונקט ווי נישט באגרענעצט ס'קאן זיין דער שעפערישער, פונקט אזוי קאנען אויך גרענעצן נישט פאבאנדערטיילן און צערייסן דאס געשאפענע.

און איז דען פאראן אן אונטערשיד צווישן פארגאסענעם בלוט פון קדושים און דעם פון געפאלענע גבורים פאר דער עקזיסטענץ פונם פאלק,—אין זייערע בייהנס לעגענדעס לעבט עס דאך ווייטער ! — פונקט אזוי איז נישט פאראן קיין חילוק אין די עכטקייט פון די ווונגען און שפרונגען פון א פאעט פון דער זייט גרענעץ צו א פאעט פון יענער זייט גרענעץ; איז דען פאראן אן אנדערער אונטערשיד אין זייערע חלומות, ווי דער אנדערער אונטערשיד פונם מקוים ווערן פונם קומענדיקן פתרון — —

יא, ווי די שווערע געציילטע ווערטער פון א שכיב מרע קלינגען דאך די ערשט האמעטנע לידער פונם קדוש ישראל שטערן, די עכטעסטע און גע־פארעמטסטע לידער אפשר אין די לעצטע 25־יאר אין דער רעפובליק פוילן. און דער בלוט־ייִנגער געפאלענער דויט־ארמייער אשר שווארצמאן זינגט העלדיש פאר זיין טויט :

און די נאכט זי שלעפט זיך איבער די בלומען,
שטיל איינגעהאלטן, סמוטנע אויסגעצויגן,
אן אלמנה'איש לאנגער אין שווארצער שלייער,
אראפהענגענדיק איבער פייכטע אויגן.

## די געסט מיכאעלס און פעפער

(צוויי פארשטייער פונם סאוויעטישן יידנטום)

צו די פארברייטונגען, צו וועלכע יידיש־ריידנדיקע קולטור־ארגאניזא־ציעס זיינען צוגעטרעטן, כדי אויפצונעמען די חשובע געסט, דעם בארימטן אקטיאר און אנפירער פון מאסקווער יידישן קונסט טעאטער, ש. מיכאעלס, און דעם באקאנטן דיכטער איציק פעפער, באטייליקן זיך די „יידיש־ליטע־ראריש שבת נאכמיטאגס" און דער קאמיטעט פון „פריינד פון יידיש לשון" אין אלע קאמיסיעס, וואס דער קבלת־פנים קאמיטעט האט געשאפן.

„פריינד פון יידיש לשון" באמיט זיך אויך צו האבן אן אינטימען צו־זאמענטרעף מיט די חשובע געסט און פארשטייער פון דער יידיש שאפנדיקער קולטור און ליטעראטור אין סאוויעט־רוסלאנד

און מיר פרייען זיך זייער צו הערן דעם גרוס פון אונזערע סאוויעטישע יידיש־ריידנדיקע ברידער, ס'איז דאך דאס איינציקע לאנד ווו אונזער שפראך איז אפיציעל אנערקענט, און אויף א גרויסן מלוכהשן אופן און ברייטע שטאטליכע מעגלעכקייטן שעפעריש טעטיק אויף אלע געביטן פון יידישער קולטור און ליטעראטור.

מיר פרייען זיך אויך צו קומען נענטער אין קאנטאקט מיט די אפיציעלע פארשטייער פונם סאוויעטישן יידנטום, וועלכעס שטייט אזוי העראאיש און מיט געוואלטיקן אויסדויער אין קאמף מיטן גרעסטן שונא פון אונזער פאלק און פון דער מענטשליכער קולטור.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיגע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א 1. 3 אזייגער)

שבת דעם 18־טן סעפטעמבער וועט זיין דער נאכמיטאג געווידמעט דעם יידישן פאלקלאר, אן אנדענק לכבוד דעם פאר 25 יאר פארשטאר־בענעם בער באראכאוו, איינער פון די באדייטנדיקע פיאניר־זאמלער פון יידישן פאלקלאר.

דער באקאנטער זשורנאליסט שלמה גאלדנבערג וועט האלטן א רעפעראט איבער דעם שאפן און די פערזענלעכקייט פון בער באראכאוו. מ'וועט פארלייענען פון ימים־נוראים פאלקלאר און אויך פון באראכאווס ארבעטן איבער פאלקלאר.

שבת דעם 25־טן סעפטעמבער וועט זיין געווידמעט דעם סינאגא־גאלן געזאנג און די סקארבאווע ימים־נוראים־ניגונים. חזנים וועלן זינגען טיילן פון די ראש־השנה און יום־כפור תפילות. א מ. ראכמאן וועט פארלייענען „נעילה" פון י. ל. פרץ.

א. נ. שטענצל

6 פענס.

פארלאג און דרוקעריי י. נאראדיצקי, 129־131 קאוועל סטריט, לאנדאן.

„אַ, ביין!
פאַר אַלץ וואָס איך באַטריבט,
ז'מיין ברודער ריין,
אַ זון באַשיינטער ריז האָט זיך אויפגעשטעלט
מיט אויסגעשטרייטער האַנט אויף גאַרער וועלט . . .“

.2

דאָס ריטמישע וואָרט און די דינאַמישע באַוועגונג דאָס זיינען די צוויי רעוואָלוציאָנערע הויפּט־פאַקטאָרן, און זיי זיינען אויך די צוויי עיקר סמנים פון דער נייער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע. און דערמיט אַליין איז שוין די עכטקייט און די אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט פון פאָרעם און אינהאַלט פון שעפערישע שלימות און האַרמאָניע דייטלעך באַוויזן —

מיט דוד האָפשטיין, קוויטקאָ־מאַרקיש איז דאָס נע־ונד און פאַרמאַטערטע בילד אינם יידישן ליד ווידער געוואָרן דער לויפנדיקער הערש, וואָס טראָגט דעם צעשטערנטן הימל אויף זיינע צעצווייגטע הערנער, ס'שטייט נישט מער אַן איינגעראַמטס און אַ פאַרשטויבטס אינם „מזרח“ פאַרן עמוד, און ס'איז אויך נישט די שטילע בריאָזקע פונם „לעצטן בעל תפילה“, שאָקלענדיק זיך כסדר ביים ברעג פון טייך, וואָס האַלט זיך אין איין שפּיגלען און אין איין טרויערן.

צו האָפשטיינס אינערלעך טיף דערפילן און אוממיטלבאַרע נאַטורנאָנטקייט:

„איך האָב געבלאָנדזעט לאַנג
אויף הויל פון ערד,
געהערט,
ווי ווייטן וויגן זיך,
ווי ווייטן ווערן איינגעשלאָפן . . .“

און קוויטקאָס ליבע צום מענטש און תמימותדיקע גלויביקייט, צו זייער ביידנס עכטן געראַנגל איז צוגעקומען מאַרקישנס דינאַמישקייט און ס'איז געווען דער תוהו־ובוהו און דער בראשית פון דער נייער סאָוויעטישער דיכטונג:

„אַ הערש אַ פאַרשייטער
מיט הערנער ווי צווייגן
זיך פלאָנטערט די וועלט דאָ
אין נעצן צעשטעלטע
מיט טאָרבעס פון ברויטן
ביים בראַנדיקן קלעם־מויל
און פרעגט זיך ביים קרעמעל
אויף טויערן רויטע . . .“

און דאָרטן פאַר די „טויערן רויטע“, „ביים קרעמעל“, אַ וואַכנדיקער מיט זיין ביקס, אַהין־און־אַהער מאַרשירנדיקער רויטער־אַרמייער, איז א י צ י ק פ ע פ ע ר, דער געטרייער פאַרביסענער און אויסגעהאַלטנסטער:



„מיר האָבן קיין צייט נישט צו פרעגן,
מיר דאַרפן נישט וויסן, —
מיר האָבן ערשט נעכטן אַן אָנפאַל „פאַרוואָסן“,
צעשאָסן,
צעריסן!“

.3

און פעפער איז געוואָרן דער באַגייסטערטער פון דער רעוואָלוציע פּאָעזיע, איר העראָלד—ער האָט מיט זיין שאַרף געשליפענעם קינזשאַל לעבעדיקע פערזן פון זיין לייב און לעבן געשניטן און ער איז געבליבן, נישט נאָר דער אימפּראָוויזאַטאָר פון רעוואָלוציאָנערע לידער נאָר איינער פון אונזערע שטאַרקסטע פּאָעטן. פעפערס „פראָסטע טריט“ דעמאָלט האָבן נישט נאָר האָפערדיק אָפּגעהילכט אין אונזער סמוטנער פּאָעזיע, נאָר אַ נייעם פעסטן וועג אויסגעטרעטן פאַר אַ פרישן דור מוטיקע דיכטער.

דאָס שרויטן־געשיט פון זיינע ריטמישע פערזן זיינען געווען ווי דאָס געשיט פון פייקעל־שטעקעלעך אויפן באַראַבאַן, זיי האָבן געוועקט און געגעשיט פון פייקעל־שטעקעלעך... זיי האָבן געוועקט און גערופן צום אויפזאַמלט די פלעיאַדע יינגע און יינגסטע יידיש־סאָוויעטישע פּאָעטן צום אויפמאַרש צום קאַמף, און יעטווידער איז געקומען אַ געלאַדענער מיט זיין כלי־זיין און געגאַנגען אין פאַרמעסט מיט זיך, מיט דער וועלט, מיט דער מאַטעריע.

און דער געוואַלטיקער אויפברויז פון דער נייער דיכטונג האָט איבערגעפלייצט די ברעגעס פונם דניעפּער און די ווייסל, איבערן אָצעאַן איבער און איבערן ירדן; די יידישע דיכטונג (אויך די העברעאישע!) האָט באַקומען אַ פרישן צושטראָם פון קאָכעדיקע געבליטן; נישט נאָר איז דאָס סאָוויעטישע יידנטום געבליבן אַ באַטייליקטע אין אונזער שאַפן, נאָר ס'איז געווען איינס פון די אָנגעזעעניסטע, און איציק פעפער דער אימפּראָוויזאַטאָר פון דער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג איז געבליבן איינער פון אונזערע שטאַרקסטע יעצט יידישע פּאָעטן — אָפּנים נישט נאָר זיין „סאָלדאַטסקע מאַנטל“, וועלכער האָט געהאָנגען אויף אַ נאָגל אין זיין שטוב, ווי אַ וואַרטנדיקער און וואָרנונגדיקער זכר פאַר די איצטיקע טעג,—די אָנענדיקע שפּירונג און דאָס שטיל־לעבן איז זיין געפאָרעמטן שאַפן! — נאָר דער יידישער גורל האָט מיטגעהאָנגען איבער זיין קאָפּ אַ חלף אַ געשליפענער אויף ביידע זייטן; ער אָבער איצט, ווי אַ קאַלאָנעל, האָט אים, דעם חלף אַריינגעשטעקט אינם פאַסעק הינטער זיין שינעל —

זיין „ווען איך בין אַ ייד“ איז די אימפּראָוויזאַציע פון אַ יידישן פּאָעט—די גייסטיקע נצחדיקייט, וואָס באַשוועבט זיינע באַוועגנדיקע רעיונות איז נאָך אַלץ יענע וואַרקנדיקע טערטל־טויב, וועלכע רייסט זיך אַרויס פון אונזערע אויפגעריסענע חורבות — און אויב דאָס סאָוויעטישע יידנטום האָט אויפגעעפנט אַ פענסטערל, אינמיטן דעם בלוטיקן מבול איצט, און אַרויסגעשיקט אירע ערשטע שליחים, איז איינער פון זיי דער פּאָעט איציק פעפער (צוזאַם מיטן גרויסן בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס), ווייל ער איז דער שטאַרקסטער און אויך קלאָרסטער אויסדרוק פון דעם נייעם געשאַפענעם דאָרטן.

אפשר איז די רעאַליסטיש־פּאַרטיפּטע פּראָזע דאָרט, מיט די נייע יינגע טאַלענטן, וואָס אייניקע פון זיי זיינען זער שטאַרק, און מיט דעם מייסטער פונם געפּאַרמטען יידישן וואָרט, דוד בערגעלסאָן בראש, וויכטיקער נאָך פאַר אונזער קולטור־אוצר, אָבער די נייע פּראָזע דאָרט האָט נישט אין זיך אַזוי דייטלעך און קלאָר די פאָרעם־סמנים און ספּעציפישן אויסדרוק פונם נייעם יידיש־סאָוויעטישן שאַפן. עס ליגט שוין אַזוי אין די טבע פונם פּראָזאַאיקער צו זיין „קאָנסערוואַטיווער“ . . .

.4

און אויב ריטמיש וואָרט און דינאַמישע באַוועגונג זיינען די צוויי הויפּט־סמנים פונם נייעם יידישן שאַפן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז ממילא פאַרשטענד־לעך פאַרוואָס דאָס יידיש־סאָוויעטישע קונסט־טעאַטער פאַרנעמט אַזאַ אַנגע־זעענעם פּלאַץ אין אונזער נייער קולטור; און נישט נאָר שטייט עס אינם סאַמע אויבנאָן פון די יידישע טעאַטערס, נאָר אין אונזער קולטור־שאַפן פאַר די לעצטע 25 יאָר איז עס איינס פון אונזערע ליכטיקסטע פונקטן.

יאָ, אויב דאָס יידישע טעאַטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד שטייט אין קינסט־לערישן ניווא העכער, נישט נאָר איבער די יידישע טעאַטערס אין די אַנדערע לענדער, נאָר בכלל עס איז די העכסטע דערגרייכונג איבערהויפּט, וואָס נוגע בינע־קונסט און טעאַטער־טעכניק, איז עס טאַקע ווייל די יידישע באַוועגלעכ־קייט — אונזערע נערוועזע הועיות און צעטראָגענע תנועות! — האָבן באַקומען געפאָרעמטן אויסדרוק אין אַ קונסט־צווייג, וואָס איר פאָרעם איז בעיקר האַנדלונג און באַוועגונג.

זיינען די בעטלער־סצענעס פון דער „הבימה“ און דער „מסעות בנימין השלישי“ פון מאָסקאָווער יידישן קונסט־טעאַטער מיט מיכאָעלס און סוסקין נישט געווען דער שטאַרקסטער יידישער אויסדרוק אין די ערשטע יאָרן נאָך יענער מלחמה און רוסישע רעוואָלוציע, און פון קינסטלערישן־טעכנישן שטאַנד־פּונקט דאָס גרעסטע אפשר וואָס אייראָפּע האָט זיך געלייסטעט?

דאָס יידיש־סאָוויעטישע קונסט־טעאַטער האָט צו דער יידישער באַוועג־לעכקייט און סצענישע האַנדלונג צובאַקומען דאָס ריטמישע וואָרט און די די־נאַמישע באַוועגונג, די צוויי הויפּטפאַקטאָרן פון רעוואָלוציע, און ס׳איז גע־וואָרן דער ספּעציפיש געפאָרעמטער אויסדרוק,— דער קינסטלערישסטער (ווייל דער ספּעציפישסטער!) פונם סאָוויעטישן יידנטום.

די אַבסטראַקטקייט פון אונזער סטיכיש צעצאַפּלטן לייב און לעבן האָט באַקומען דינאַמישן און ריטמישן אויסדרוק — יעדער ריר, יעטווידער באַוועג אַן אויסגערעכנטער טייל פון אַ האַנדלונג! יעדער עלנבויגן שטויס און האַנט־מאַך אַן אויסגעצירקלטער דרייעק, יעדער מנחם־מענדלשער שפּרונג אונזערער אויף געהעצטער לויף, מאַטעמאַטיש און עלאַסטיש.

יאָ, און ווייל גייסטיקע יצירה, עכטע קונסט־פאָרמען געשעפּט פון סטיכישע אייגנאַרטיקייטן זיינען די אָנונגען און שפּירונגען, וואָס פאָרמען זיך פאַראויס,— זיי זיינען די חלומות און פאַרפילונגען פונם פּתרון און די רעאַליטעטן וואָס קומען אָן! — הערפאַר אין דער מענטשלעכער טראַגעדיע, וועלכע שפּילט



זיך איצט אָפּ אויף דער דריי־בינע ערד, איז די פּערטיילונג פון די ראָלן, אין וועלכע אונזערע ברידער אין מזרח־אייראָפּע נעמען אָנטייל, אַזאַ געוואַלטיקע — אַזאַ גרענעצלאָזע.

און די מאַרטירער־סצענעס פון אונזערע קדושים און די העלדן־ראָלן פון אונזערע יידישע־רייטנדיקע רויט־אַרמייער, פון זייער פאַרגאָסענעם בלוט אַרויס, וועלן זיך נייע לעגענדעס לייטערנדיק אַרויסטובלען צו הייליקן און צו שטאַרקן אונז אין אונזער ווייטערן קיום.

א. נ. שטענצל.

---

איציק פעפער

## ווער בויערט די שטילקייט

ווער בויערט די שטילקייט? די וועג ווער וועקט?
עס שלאָפן די סאָפּקעס מיט שאָלן באַדעקט,
מיט טונקעלע שאָלן.
דער טייך איז צעהודעט, צערודערט און שרייט
און כוואַליעס משוגענע יאָגן פאַרשייט
און פאַלן און פאַלן...

ווער בויערט די שטילקייט? ווער גייט עס? ווער קומט
עס קוקען די טייגישע בוימער, צעקרומט,
פון וויסטע טייפונען.
אַ רויש, אַ געקלאַפּ און אַ הירזשען פון פערד
און ס׳טראָגן זיך האַמלער און וויניצער בערד
די נאַכט איז צערונען...

ווער זיינען זיי? יעגער, צי זוכער פון גליק?
אין לופטן פאַרשניידט זיך אַ בריק נאָך אַ בריק
אין בערגלעך פאַרגלידערט.
אַ בוים נאָך אַ בוים טוט אין ווינט זיך אַ בראָך
און ס׳פאַלן אויף אייביקן טייגישן מאָך
די יידישע לידער...

עס זינגען די זעגן, עס הויקן די העק,
מיר זיינען געקומען פאַרפּלייצן דעם ברעג,
מיט שטעט און וואָקזאַלן,
פון ווייט קומט אַ טאָג און מיט שטויב און מיט רעש
און ס׳פליען פון פּריאיקע סאָפּקעס ווי אַש
די טונקעלע שאָלן...

## די שבועה

(פראַגמענט)

איציק פעפער

איך שווער ביי דער ליכטיקער זון, ביי די שטויבנענדע שטערן,
איך שווער היינט ביי אַלץ, וואָס אַ פּשוט'ער מענטש קאָן גאָר שווערן:
איך שווער ביי די הערצער, וואָס זידן אין שלאַכטן און קאָכן,
איך שווער ביי די שטאַמען פון גליק, וואָס דער פיינט האָט צעבראָכן,
איך שווער ביי די ווערבעס, וואָס שטייען ביים דניעפּער געבויגן,
איך שווער ביי דעם בלוט, ביי דעם אומרו פון מיינע צווייי אויגן,
מיין האַס וועט ניט אויסגיין, מיין צאָרן אין קעלט וועט ניט קילן
ביז כ'וועל אויף מיין אָרעם דאָס בלוט פונם פיינט ניט דערפילן.

אָט דאָס איז די שבועה, וואָס כ'שווער היינט דער ערד און די ים'ען,
מיין אוראַלטן פאָלק! און מיין הימלאַנד! מיין טאַטן! מיין מאַמען!

## די באַלאַדע וועגן קאַנעווער באַרג *)

איציק פעפער.

ווי יעדער באַרג איז ער דער ערדס אַ קינד,
וואָס איז אין מאַמעס האַרץ אַריינגעוואַקסן.
ביי זיין צוקאָפּנס וואַכט דער קלאָרסטער ווינט,
ביי זיין צופוסנס יאָגט דער טייך געשווינד
און לאַנגזאַם שלעפּן זיך אוקראַאינער אָקסן.

דער ווינטער זילבערט אים זיין שטאָלצן קאָפּ,—
ער רוט אין קליידער ווייסע אַ געקליידטער, —
דער שניי — דער טרויער טרעט פון אים ניט אָפּ
און בלויז אין פרילינג לויפט ער פלינק אַראָפּ
דורך דעם באַרימטן ניט־געטאָקטן לייטער . . .

ווי יעדער באַרג איז ער אין הויך פאַרקריצט
און ס'ציט צום הימל זיך זיין שטאָלצער טורעם,
ער שטייט אַקעגן שטורעם ניט באַשיצט
און ליכטיק ווערט אים אויפן האַרץ ווען ס'בליצט
און פריילעך ווערט אים ווען עס ווייעט דער שטורעם.

*) דער קאַנעווער באַרג ליגט האַרט ביים דניעפּער, נישט ווייט פון קיעוו, ביי דער שטאָט קאַנעוו. דאָרט, אויפן שפּיץ באַרג, געפינט זיך דער קבר פון דעם גרויסן אוקראַאינישן דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ. צום קבר—אַ נאַציאָנאַלער מאָנומענט— פלעגט מען פון גאַנץ אוקראַאינע קומען.

[די זער געלונגענע און קינסטלערישע באַלאַדע דריקן מיר איבער פונם אַמעריקאַנישן „איקוף"־זשורנאַל „יידישע קולטור" פונם אויגוסט נומער 1943.]



ווערטער: י. פעפער.    ווער בויערט די שטילקייט
מוזיק: פ. פיגענבלום.



די שיפן, וועלכע גייען אפט פארביי,
זיך נויגן פאר זיין קערפער פאר זייןברייטן,
זיין אלטער נאמען קלינגט, ווי שטענדיק ניי,
פון זיינע היילן שפרינגט צוריק דער בליי
און ביי זיין הייך צעפאלן זיך די קייטן.

פונוואנען קומט צו אים אזא פארשייטע קראפט,
פונוואנען נעמט דער רום זיינער די גבורה
אין גאלד פון זון־רויזן ? אין עפל־זאפט ?
אין הימל, וועלכער קוקט אויף אים פארגאפט ?
אין כישוף־קלאנגען פון דער ארעמער באנדורע ?

אין קינדער־שמייכלען, צי אין גרייזע קעפ,
צי אין דער ערד, דער הוילער און פארשטיקטער,
אין שווייגנדיקן זילבער פון דעם סטעפ,
צי גאר אין שטילע, שלענגלדיקע טרעפ,
וואס פירן צו זיין הייך, דער ניט־באזיגטער ?

געבענטשט זיינען די טרעפ פון יענער ערד,
די טרעפ, וואס ליגן צווישן פאלק און דיכטער,
האט דען א ווערט פאר זיי דער טופ פון שונאס פערד,
פאר זייער אייביקייט האט דען א ווערט
א שווערע נאכט ? א שאס אן אומגעריכטער ?

עס ווערט נאר אויף א ווײַלע גרויזאם־שווער
און אינעווייניק קלעמט א בלינדער ווייטעק,
די העלע זון־רויז בליט שוין דא ניט מער,
ביי זיין צוקאפנס — שדים מיט געווער,
ביי זיין צופוסנס — בלוטנדיקע שניי־טעג . . .

דער הימל, וואס פלעגט קוקן אזוי ריין,
איז היינט מיט אומגליקן צעאקערט און פארוואלקנט,
די לופט איז פול מיט קינדערשן געוויין
און גרייזע קעפ, צעקלאפטע אויף א שטיין,
זיינען שוין טויב צום ריטם פון פרעמדע פאלקן.

און דאס, וואס מ׳האט גערופן פרייער סטעפ,
איז היינט פארחושכטער און מידער דרויסן,
די כאטעס וויגן זיך אין וואלקנדיקן קרעפ
און נאר די טרעפ און נאר די פראסטע טרעפ
ווי פריער לויפן אויפן בארג דעם גרויסן.

און ס׳הייבן זיך מיט יענע טרעפ ארויף
די בענקשאפט און דער דראנג נאך יענע יארן,



# די שבועה

ווערטער : י. פעפער.
מוזיק : פ. פײגענבלום.



וואָס שפּרייטן איבער לענדער זייער רוף,
וואָס הייבן זיך פון דניעפּער ווידער אויף,
ווי ס׳הייבט זיך אויף דאָס רוישנדיקע קאָרן;

אַזוי אין דעם פרימאָרגן שוין באַשערט
ווי ס׳הייבט זיך אויף דאָס גראָז אונטערן רעגן, —
ווען ס׳קומט די צייט און רופט עס פון דער ערד!
אַ הייב טאָן זיך מיט יום־טוב־שיין פאַרמערט
און ווידער שיטן זון אויף אַלע וועגן!

ווער האָט אויף טרעפּ אויף יענע ניט געשפּאַנט,
ווער האָט די טרעפּ מיט אומרו ניט באַטראַכטן?
פון דאָרט איז מען אַוועק מיט ביקס אין האַנט,
פון דאָרט האָט מען געבראַכט דאָס בלוט דעם קאַנט,
דאָס בלוט, וואָס איז פון שנאה אויפגעזאַטן.

וואָס שווייגט ער איצט, דער קאַנעווער אַרום?
צי פון זיין ברויזן ניט געבליבן שוין קיין שפּור איז?
צי איז פאַרשוואונדן פון דער ערד זיין רום?
די ביימער שטייען אומעטיק און שטום
מיט ברייטע צווייגן, ווי אַנטשוויגענע באַנדוריעס?

אָט דאָ פלעגט שטענדיק רוישן, ווי אַ מיל,
פאַרוואָס איז אויפן באַרג היינט אַזוי שטיל?
ווי בלאָס די ערב־שטורעמדיקע זון איז;
צי ווילן שוין די ביימער דען ניט טאָן קיין שפּיל
אויף די צעשאָסענע, צעפּליקטע סטרונעס?

צי וויל די ערד ניט לייטערן איר הויט,
ניט אָפּווישן די שאַנד פון די פאַרברעכער?
צי ווילן שטערן ניט פאַרוואַנדלט זיין אין שרויט,
צי וואַרט דאָס ברוינע מיידל ניט ביים פּלויט,
אַז ס׳זאָל דער באַרג אַ הייב טאָן זיך נאָך העכער?

האָט ער, דער באַרג, אַ רגע כאָטש גערוט?
אין אַלע וועלדער ברענט אַצינד זיין שנאה,
אין אַלע שלאַכטן רוישט אַצינד זיין בלוט,
אין אַלע הערצער לעבט זיין ליד, זיין מוט,
זיין ליבשאַפט צו דעם פאָלק פון אוקראַינע!

זיין ליד איז ניט קיין קאַלטער שטיק מעטאַל
אין דענקמעלער איז בראָנזענע געגאָסן,
זיין ליד בליצט אויף אין דעם האַרמאַטן־שאַל,



זי איז די ביטערניש פון אונדזער גאַל,
וואָס פלאַמט אין אונדזערע געבענטשטע שאָסן!

אַ, וויפיל דונערדיקער אויפרייס ליגט
פאַרהילט אין ערב־שטורעמדיקן שווייגן.
דער באַרג האָט שוין אַ גרוס דער געגנט געשיקט —
אויף זיינע פּלייצעס האָט זיך שוין צעוויגט
דער אויפקום, וועלכער האַלט שוין אין איין שטייגן.

ער טרייסלט שוין אַראָפּ פון זיך די פּעסט
און ס׳קויקלען זיך אין אָפּגרונט זיינע שענדער,
דערהרגעטע דורך פּולווער און דורך פרעסט,
און ס׳וואַרטן שוין די טרעפּ אויף נייע געסט,
וואָס טראָגן אים די ליבע פון אַלע לענדער.

---

## אונזערע גבורים פון וואָרט

געווידמעט פּראָפעסאָר מיכאָעלס און איציק פעפער
צו זייער קומען אין לאָנדאָן אין 1943.

משה עובד.

.1

אין די אַלטע דורות פון זיוו־השכינהדיקן זיין,
האָט געשוועבט איבער יידישע קהלות דער רוח־הקודש
אָנגעצונדן פון בורא עולם אַליין!

יעדן אינדערפרי
איז דער רוח־הקודש צו די קהילות געפלויגן,
„התעוררי! התעוררי!!“
גערופן, געשטורעמט און געוועקט,
דעם בלאָ־ווייסן טלית פון זון־אויפגאַנג,
פון שוואַרצן טלית־זאַק אַרויסגעצויגן,
און מיט אים די קהילות מיט קדושה באַדעקט.

שולן, בתי־מדרשים און הייזלעך סתם,
קורעים פאַלענדיקע ווי די כוואַליעס פון ים,
געגרונטפעסטיקט פון אָפּגעשפּאַרט גראַשנדיקן נדן,
האָט ער געקושט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען
דעם שטעטלס של ראש׳ן און של יד׳ן.

און ער האָט נישט אָבגעטרעטן
און מיט דעם שחרית פון פרימאָרגן

אַ תיקון פאַרן טאָג געבעטן,
ביז דער טאָג איז בין מנחה־מעריב געשטאָרבן.

דאַן
האָט דער רוח הקודש פון דעם שטעטל
אָוועקגעלעגט דעם טאָג, דעם בר־מינן,
אויף דעם בין־השמשות טהרה־ברעטל
מיט טוי געוואַשן זיינע טויט־וווּנדן
און איבער דעם הייליקן מת געוואַכט,
צוזאַמען מיט די שטערן אָנגעצונדן
אין דעם אוהל פון נאַכט.

.2

און פון דעם רוח־הקודש דעם פייערדיקן,
וואָס האָט געוועלטיקט אַזוי לאַנג,
אַזש דעם רוח־החיים צו פאַרציקן,
האָט אַדויסגעשטראַלט אַ שטאָלץ געזאַנג,
פאַר וועלכן דער אור־הבוקרס שופר
האָט זיך געטאָן בייגן און ביקן,
פאַר די מעלאָדיען וואָס פלעגן אַרויסשטראַלן,
פלייצן און רייצן פון רבנישע הויפן,
פלעגן די פרימאַדאָנעס פון די נאַכטיגאַלן
זייערע נשמות פאַרקויפן.

און ווען די קאָלערדיקע קאָלעראַטאָרן,
איינגעזאַמעלטע פאַרן היכל של שירה
פון אַ וועלט, נייך, וועלטען מיט יאָרן,
האָבן דערגרייכט צו די שערי שמים
האָט כביכול אויסגערופן:
„אַט!
ווערט פאַרייניקט, פאַרייביקט און פאַרהערליכט
מיין נאָמען גאָט,
ווי אַמאָל אדוני־אחד".
און געקלינגען „גאָט" האָט יעדער שטיין
און יעדעס געסעלע ווי אַ קאָמערטאָן „אמן".

.3

און פון די געראָטענע זרעים פון די געזאַנגען,
פאַרפלאַנצט אויף דעם געהייליקטן אָרט,
זיינען אַרויסגעוואַקסן זינפולע קלאַנגען,
וואָס האָבן באַדעקט די נשמה פון שירה,
מיטן לעבעדיקן פלייש פון וואָרט,



מיט ווערטער קאַלדעאישע־העברעאישע־אַראַמעאישע,
מיט ווערטער יידישע־דייטשע־סלאַווישע,
צוויי לשונות אורהאַלט און בליטשניונג,
ביידע געשליפן אויף די רעדער פון וואַנדערונג,
געשליפן אויף יעדן פלוין, באַרג און טאָל,
פון יבשה, ים און פון ארץ ישראל —

אַ צווייזייטיקע שווערט!
אויסגעשליפן אויף דעם לייב פון דער קיילעכדיקער ערד
און מיט דער צווייזייטיקער געשליפענער שווערט
אויף די לענדן אָנגעגאָרט,
האָבן געבלוטיקט איבער דער גאָרער ערד
אונזערע גבורים פון וואָרט.

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאַכמיטאַגס

י. ב י ט ש

די שבת־נאָכמיטאָגס פאַר יידישע ליטעראַטור דרינגט אַריין אַלץ טיפער אין דעם לעבן פון דעם יידישן לאָנדאָן און נעמט אָן די פאָרם פון אַ אינ־סטיטוציע ווו יידיש ריידנדיקע מענטשן געפינען אַ פאַרבינדונג מיטן יידישן וואָרט, און ציט צו אַלעמאָל אלץ אַ גרעסערן עולם, וואָס זיינען פאַראינטע־רעסירט פאַר יידיש און די יידישע ליטעראַטור. מיר אַלע נעמען אויף מיט פריי־ די ידיעה פון אָנקומען פון די צוויי חשובע פאָרטרעטער פון די יידישע באַפעל־קערונג אינם סאָוויעטן פאַרבאַנד, דעם קינסטלער סאָלאָמאָן מיכאָעלס און דעם שרייבער און דיכטער קאָלאָנעל איציק פעפער.

אַלעם ערשטן באַגריסן מיר האַרציק די צוויי געסט אַלס יידן פון דעם לאַנד ווו יידיש איז אָנערקענט אַלס די אָפיציעלע שפראַך, ווו יידן בילדן אַ באַדייטענדע צאָל און גיט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַ יידישע קולטור, וואָס האָט שוין ביז איצט אויף אַן איינגנאַרטיקן אופן געשאַפן אַ באַדייטנדיק און וויכטיקן ביישטראָג פאַר די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

נאָך 25 יאָר שטיין מחוץ למחנה מיט דעם טייל יידן איז פאַר אונז אַ גרויס געשעעניש דאָס קומען פון די צוויי פאָרשטייער פון די יידישע באַפעלקערונג, וואָס שטיין פנים לפנים אין קאַמף מיט דעם ערגסטן און גרעסטן שונא אין דער מענטשלעכער געשיכטע—דעם היטלעריזם. די נאַצישע אומענטשלעכ־קייט לגבי די באַפעלקערונג אין די פאַרנומענע געביטן, און ספּעציעל צו די יידישע באַפעלקערונג, זיינען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז דער שכל הישר קען עס

נישט משיג זיין. די באַגאַנגענע חיהשע גרוילטאַטן צו די יידן פון פוילן ווי וואַרשא, מינסק, קיעוו, ריגא, אָדעס און א.ז.וו.

די צוויי אונז טייערע יידישע שליחים ברייגען אַ לעבעדיקן גרוס פונם שעפערישן און שאַפנדן יידנטום אין סאָוויעט־רוסלאַנד פון איין זייט און דעם העראָאישן קאַמף פון די רויטע־אַרמיי פון דער אַנדער. די געשמידטע קייט פון העראָאיזם וואָס מאַנעפעסטירט זיך ביים יידישן פאָלק פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, צייגן זיי איצט אויף די שלאַכפעלדער פון רוסלאַנד, וואָס וועט זיך ענדיקן מיט אַ נצחון פון די פאַרייניקטע איבער די פינסטערע כחות פון נאַצי־דייטשלאַנד און די באַפרייאונג פאַר אַלע אונטערדריקטע מענטשן און פעלקער.

אַ פייער פון נקמה ברענט אין די הערצער פון די קעמפער צו די רוצחים פאַר דעם וואַנדאַליזם און באַרבאַרישער ברוטאַליטעט.

מיט באַוווּנדערונג באַגריסן מיר די רויטע אַרמיי, וואָס שפּרייזט אַזוי העראָאיש פון איין זיג צום צווייטן, אין קאַמף מיטן ערגסטן שונא פון פרייהייט און פראָגרעס. זאָל דער באַזוך פון די ליבע געסט זיין געקרוינט מיט ערפאָלג, און די בריק צווישן מזרח און מערב זאָל ווערן באַפעסטיקט—אַ שטענדיקער קאָנטאַקט און אויסטויש פון מיינונגען, און אַ ענג צוזאַמענאַרבעטן צווישן די יידן פון סאָוויעט־רוסלאַנד מיט די יידן פון די גאַנצער וועלט.

מיר דריקן אויס דעם פעסטן גלויבן אין אַ שנעלער מפלה פון דעם היטלעריזם, און מיר זיינען מיט אייך אין קאַמף ביז דעם אַנטגילטיקן נצחון.

## „פריינט פון יידיש לשון" אין לאָנדאָן

„די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָג׳ס" וועלכע ווערן אָנגעפירט אין לאָנדאָן פונ׳ם דיכטער א. נ. שטענצל שוין זייט איבער פינף יאָר, וואָס האָבן זיך קונה שם געמאַכט צווישן די ברייטע קרייזן פון די יידיש־דענקנדיקע מענטשן, איז געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער גייסטיקער צענטער, אָן וועלכן מען קען נישט מער אויסקומען. שוין דערפאַר, ווייל די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס טראָגן אַ יידיש־פאָלקסטימלעכן אונפּאַרטייאישן כאַראַקטער. דאַריבער איז אויך די צוגעבונדנקייט ביי פילע זער נאָנט געוואָרן. גלייכצייטיק איז צו פאַרדאַנקן דעם ליטעראַריש־גייסטפולן כאַראַקטער פון די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס, וועלכע ווערן געהאַלטן אין די ראַמען, הויפטזעכלעך, פון דער השכלה־עפּאָכע אָן און פונם אַלטן יידישן קלאַסיקער צייטאַפּשניט—מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און אַנדערע,—ביז די געגנווערטיקע און צוקונפטיק ניי וועלטלעכע ליטעראַטור, ווי עס ווערט אויך אַריינגענומען די נייע סאָוועטיש־יידישע שאַפונגען.

אויך זיינען די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס אויסגעפילט מיט פאָלקלאָריש און ליטורגישן אינהאַלט,—אינם זין פון פאָלקס־ווערטל און פאָלקס־ליד, טייל מאָל אויך פאַרבונדן מיט ווערטפולן טעאַטעראַל קינסטלערישן אינהאַלט, וואָס ווערט אויסגעפירט פון די אייגענע פעאיקע און אויך קינסטלערישע צוגעצויגענע קרעפטן.



גאָר באַזונדערס וויכטיק זיינען די פון צייט צו צייט פּאָליטישע רעפעראַטן איבער פאַרשידענע יידישע און וועלטלעכע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען באַלערנד און פון גרויסער באַדייטונג. און ווערן גענעבן פון באַדייטנדע לעקטאָרן, קולטור־טוער, דיכטער, שרייבער א.אז.וו. דאָס אַלעס ווערט געהאַלטן אין אַ פאָרם פון אַ פרייער־טריבונע, ווי עס איז נישט פאַראַן קיין מחוצה צווישן אוידיטאָריע און צוהערער פונם לעבעדיקן וואָרט; אַזוי אַז יעדער אויף וויפיל ער ווייזט זיך ארויס פאַר פעאיק קאָן קומען צום וואָרט.

אין דעם ענליכן זין און כאַראַקטער נייט נאָך ארויס אין פאָרם פון אַ שריפט אַ מאָנאַטלעך העפטל, רעדקטירט פונם דיכטער א. נ. שטענצל, מיט אַ אויסגעוועלטן ליטעראַרישן אינהאַלט: פּאָעזיע פון פאַרשידענע דיכטער, מאָלערישע בילדער פון קינסטלער, קריטיק, איבערבליקן און אַנדערע אָבהאַנדלונגען.

עס איז קוים נויטיק אָנצווייזן אויף די קאָלאָסאַלע וויכטיקייט פון אָט דעם אַלעם אויבנאויסגערעכנטן. פאַר די ליבהאָבער פון יידיש, אין וואָרט און אין שריפט. אָבער וויכטיק איז אָנצווייזן פאָלגענדעס: אַ דאַנק טאַקע דעם פרייען גייסט וואָס ס׳הערשט צווישן אוידיטאָריע און צוהערער ביי די ליטעראַרישע־נאָכמיטאָגס, האָט זיך געשאַפן אַ פאַריינס־קערפּערשאַפט, וועלכער עקזיסטירט שוין באַלד אַ יאָר, אונטער דעם נאָמען: „פריינט פון יידיש לשון", אָנגעפירט פונם לאָנדאָנער דיכטער און קולטור־טוער משה עובד און פונם קולטור־טוער י. ביטש און אַנדערע, וועלכע העלפן צו גייסטיק און פינאַנציעל מיט די וויכטיקע ארבעטן אָנצוגיין, און האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דאָס צו דערהויבן צו אַן אינסטיטוציע אין אַ ברייטן פאַרנעם, ווי עס פאַסט זיך פאַרן יידישן לאָנדאָן. דערווייל באַשטייט די קערפּערשאַפט נאָר פון פּיאָנערן, וועלכע ארבעטן און טראָגן די לאַסטן אויף אייגענע פּלייצעס.

דאַריבער ווערט דאָ אַפּעלירט צו די ברייטע קרייזן ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט, באַזונדערס צו די באַזוכער פון די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס, מיטצואַרבעטן, פּראָפּאַגאַנדירן און זיך אָנשליסן אין דעם פאַריין „פריינט פון יידיש לשון" אין לאָנדאָן. דאָס וועט אונז געבן מוט נישט נאָר צו דערהאַלטן די וויכטיקע אינסטיטוציע, נאָר זי אויך אויסצובויען אין אַ ברייטן פאַרנעם.

ווען עס איז באַקאַנט די אויפגאַבן און וויכטיקע לייסטונגען פון די ליטעראַרישע־נאָכמיטאָגס און פונם פאַריין דאַרף נישט שטיין פון דערווייטן. נאָר באַווייזן דורך אָנשליסן זיך אַלס מיטגליד אינם פאַריין „פריינט פון יידיש לשון" אין לאָנדאָן. מיטגליד רעגיסטרירונגען קאָן געמאַכט ווערן ביים טרעזשורער י. ביטש און אויך ביי אַנדערע פאַריינס מיטגלידער, דורך אויספילן אַ פאַריינס פאָרם.

אייזיק גאָלדבערג, האָנ. סעקרעטאַר.

## א ווארנונג אויף ווייטער

(צו די ארגאניזירער פון דער פייערונג לכבוד די געסט)

ביים שליסן דאס היינטיקע העפטל זיינען מיר לײַדער געצוווּנגען אויפמערקזאם צו מאכן די ארגאניזירער פון דער פייערונג לכבוד די געסט פון סאוויעט רוסלאנד, מיכאעלס און פעפער (נאך דער דערפארונג פון דער לעצטער טויזנטער קעפיקער פארזאמלונג פונם 10־טן אקטאבער), אז די גרויסע געסט זיינען אנגעזעענע יידיש־ריידנדיקע קינסטלער, און ס'איז טאקטלאזיקייט ניט צו הערן אויף אזעלכע פארזאמלונגען קיין איינציק יידיש ווארט. אויב די ארגאניזירער וועלן ווייטער אזוי אנגיין וועט עס זיין נישט נאר א דערנידערונג פון יידיש און יידיש־ריידנדיקן מענטש, (וואס פון זיי שטעלט זיך דער עולם ניינציג פראצענט צוזאמען), נאר אויך א גרינגשעצונג פון די געסט, וואס בעיקר זיינען זיי דאך יידישע קינסטלער.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63, מענסעל סטריט, א.1.—3 אזייגער)

שבת, דעם 16־טן אקטאבער, א נאכמיטאג לכבוד חו"מ סוכות. שלמה אויערבאך וועט האלטן א פארטראג איבער קהלת. מ'וועט פארלייענען פרץ'עס איבערזעצונגען. א. מ. ראכמאן וועט פארלייענען י. ל. פרץ'עס „נעילה“; י. ביטש, א שלום־עליכם הומארעסקע. עס באטייליקן זיך נאך די שוישפילערין דארא דימאנט.

שבת, דעם 23־טן אקט., א שבת־בראשית נאכמיטאג מיטן טראדיציאנעלן פראגראם. דער זינגער יוסף וויס, וועט אויך זינגען שמחת תורה פאלקס־לידער.

שבת, דעם 30־טן אקט., א פארלעזונג איבערן שאפן פון איציק פעפער. אייזיק גאלדבערג, מאיר נוסנבוים וועלן דעקלאמירן פעפערס לידער די שוישפילערין דארא דימאנט וועט רעציטירן די „באלאדע וועגן קאנעווער בארג“.

שבת 6־טן נאוועמבער, א פארטראג איבערן יידישן טעאטער. איבער די פערזענלעכקייט פון ש. מיכאעלס און זיין שאפן וועלן ריידן משה עובד און א. י. ליסקי.

שבת, דעם 13־טן נאוו., פארלעזונגען פונם יידיש־סאוויעטישן שאפן פון דוד בערגעלסאן, דוד האפשטיין און אנדערע סאוויעטישע שרייבער און דיכטער.

**א. נ. שטענצל**

פארלאג און דרוקעריי י. נאראדיצקי, 129־131, קאוועל סטריט, א.1.

6 פענס



לאנדאן ווייטשעפעל 15־טן נאוועמבער, 1943

# יידיש-טעאטער

## דעם „פאלקס-ארטיסט“, אנפירער פון מאסקווער יידיש קונסט-טעאטער,—פראפעסאר ש. מיכאעלס

יא, דאס וואס איר האט געזען שפילן אין גרענד פאליי און אדלער סטריט, דאס איז אונזער בינע־קונסט דא — דאס און נישט מער! און ווי ארעם וואלטן מיר ערשט געווען און וואסער פוסטקייט וואלט געהערשט אין אונזערע סמוטנע־היימישע געסלעך, ווען די ספעקטאקלען וואלטן זיי נישט באלעבט און אפגעמונטערט; ווי וואלטן אונזערע הערצער אויסגעגאנגען פון אזא ווייסט באגעניש, פון אזא צאפלדיק בענקעניש, ווען זייער מרה־שחורה וואלט נישט אויפגעהייטערט געווארן כאטש פון די־א לידלעך. און באוואשנדיק זיך מיט טעאטער־טרערן, שטייען דאך אויף אונזערע שטעטלעך תחית־המתים—באמת, זיי וועלן בלייבן ווירקלעך לעבעדיק, ווייל עקזיסטירנדיק אין אונזערע איינגעבאקענע הערצער, אין אונזערע קינדער־זכרונות אזוי אין־ספק הייליק.

דאס וואס איר האט געזען איז די „קונסט“ פונם אומבאהאלפענעם הארעפאשנעם מענטש, וועלכער ווארפט אלץ שוין אריין אין איין טאפ אריין, אלץ וואס ס'איז אים נאך געבליבן פון זיין מיט זיך מיטגענומענעם צידה־לדרך, אין זיין נע־ונד־זיין, — צו א לעצטער ארעמער־מאלצייט! — די געזאלצענע טרער איז אויך נאר, כדי דאס ביטערע מאכל כאטש א ביסעלע באטעמ'טער צו מאכן...

די ווילנער טרופע האט אונטער זיך געהאט ווילנע — א ווילנער גאון טראדיציע! אינם פוילן נאך יענער מלחמה האט נאך געקאנט אריין א „דיבוק“! איז עס נישט פרץ'עס „שטריימל“ ארום וועלכן מ'האט ווידער אויפסניי אנגעהויבן פראווען עכטע אמתע „טישן“? פון טשיף־ראביי־רעווערענדס, פון גענזלפיסלדיקע „צדיקים“ און „גאונים“ קאן נאר אזא ספעקטאקל־ און אפערעטן־קונסט געפארעמט ווערן — קאן איבערגעניטשעוועט ווערן נאר אזא שפינגע־העגינגע פון א ווייס זיידן זשיביצל, נאר א „גן עדן פאר צוויי“ קאן מען ירש'ענען — נישט מער!

און דאס האט בכלל נישט צו טון מיטן מאס טאלענט פון אונזערע ליבע אקטיארן דא! א סך פון זיי וואלטן געקאנט זיין פראכטפולער מאטעריאל פאר א מלוכיש קונסט טעאטער, פאר א קונסט־בינע אין א ישוב ווו דער יידישער אינטעליגענט און הארעפאשניק גלויבן אין זייער ווייטערער שעפערישער עקזיסטענץ, ארבעטן און באשיצן זייערע גייסטיקע קולטור־אוצרות — עס מוזן זיין די פרוכפערנדיקע ברואים־מאסן, וועלכע אטעמען ארויס פון זיך א געזונטע אטמאספערע, אז עס זאל קאנען בליען און צייטיקן א נייער ווידערוווקס!

איז די ווילנער טרופע נישט צעבראכן און צעפיצלט געווארן, ווי נאר זי איז ארויס פון אירע דלד־אמות, פון איר גייסטיקער אטמאספערע — אויף דער